אים פאר שפראכן ׃ אונ דאך האט דיע געשיכטע גימאכט
אויך אים איין זייער שטארקן איינדרוק ׃ דען פון יענער צייט
אן איז ער גיוואר גיווארן דאס מיט אזא נאז קען מען זיך
גאנץ ווייניג באליבט מאכן אין דער וועלט ׃ אונ איז צוא ליב
אים (דען ער האט דער פון נאך מאנכע מאל גיליטין) אין
אפאר יאר ארום — אוועק גיפארין קיין ארץ ישראל ׃ אונ דארט
האט מען אים גירופין מיט דעם נאמען "בעל החוטם" ׃

---

די

# ליבע אין וואלד

מאת א״מ ד.

## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ב לפ״ק

ДИ ЛИБЕ ИНЪ ВАЛДЪ
т. е. Любовь въ лѣсу.
Соч. А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ
домахъ подъ № № 327 и 328.
1871.

1/68304



## "איין עטוואס איבער דעם ענין פון שארפריכטער"

ווייל אין דיזער געשיכטע ווערט דער ציילט נור פון דעם פאריזער שארפריכטר און פון זיינער טאכטער · דאהער געפינע איך עס פאר גאנץ נייטיג צווא מאכין דיר מיינע לעזערין פריהער איין עטוואס בעקאנט מיט דעם ענין פון דער שארפריכטריי · זאנסט ווערט דיר דיזע ערצייהלונג זיין וויא פרעמד און וויא איבער נאטירליך · און גאנץ איבער טריבן (גיזמעדיק) ווייל אין אונזער הוסלאנד איז עס גאנץ אום בעקאנט .

איין שארפריכטער ווערט אן גערופען אזוא איין פערזאהן וואס איז בעשטימט פון דער רעגירונג צו בעשטראפען דיא זינדער (פערעסטופניקעס) מיט דער שטראפע · וואס דיא ריכטער זיינען אויף זייא גוזר · למשל צו הייגען צו קעפען אדער זאנסט איינע פאבליצנע שאנדע אן צו טאן זייא · און דאהער ווערט אזו איין מאן אנגערופע אין דער טייטשע שפראכע "דער נאכריכטער" ווייל פריהער מוז יעדער פערברעכער געריכטעט ווערן פון דיא יוריסטישע ריכטער און ערשט דער נאך פון אים · אין אונזערער רוסישע שפראכע הייסט ער פאלאץ · אין פוילישקאט · ביי אונז אין דעם זארגאן · תליין · פון הייגען · און אזוא הייסט ער אויך אויף טייטש דארום "הענקער" · נאר פערצייטין · דאס הייסט אין דעם גרויען אלטערטום (בימי קדם) האט מען אים גערופען מיט איינעם גרויסן עהרע נאמען "שר הטבחים" אדער "רב קטוליא" ווייל דיזער אמט (סלוזבע) וואר דאן פאר בונדען מיט אגרויסען צין אזוא געפינען מיר אין ספר מלכים דאס דער גרויסר געטליכער מאן בניהו בן יהוידע וואר איין שארפריכטער ביי שלמה המלך · און אזו געפינען מיר אין ספר שופטים דאס גדעון האט געהייסען זיין איינענעם זון דאס ער זאל טייטין

Дозволено Цензурою 7 Іюля 1871 г. Вильна.

מייטין מיט זיינע איינענער האנד דיא מלכים פון מדין · אין מאראקא
וואר די זיטע דאס דר קייזר זעלבסט פלעגט מיט זיינער איינענער
האנד הינריכטען דיא פערברעכער · איינער פון זייערע סולטאנען
וואס האט געהייסן מולייע ארכיד · האט אמאל אין איינעם טאג מער
אלץ צוויא הונדערט מענשען די קעפ אפ געשלאגן פאר אקליינעם
רעליגיאנס פערברעכען · אונ ווייל ער איז געשטאנען בייא דעם
פאלק אין איינעם היילינען גרוך פלעגען צו קומען צו אים דיא זקנים
אונ בעטן אים דאס ער זאל זייא ממית זיין מיט זיינער איינענער
האנד · אונ דיא וואס האבין עס בייא אים אויס געווירקט האבין
עס גיהאלטן פר אזכיה וויא דער פסוק זאגט "ממתים ידך ה' :

אין דער טירקייע וואר נאך גאר ניט לאנג דער שארפריכטער
פון דעם סולטאן איין מאן פון גרויסין ראנג · ער פלעגט צו הייסען
זיראסקיר וואס דאס הייסט דער זעבעל טרעגער פון דעם סולטאן
אונ פלעגט אים נאך זיין וויא זיין איינענער שאטאן · אום אוים צוא
בריינגען טויט אונ שרעקען אום זיינע פערזאן · אונ ווירקליך ווארען
דיא מאנקעפע פיל זיכערער אלס דיא קעפ פון דיא מענער פון
זיינער אומגעבונג · למשל וויא פון זיינער שווסטע בדינטע · שרייבער
היפלייטע · אונ נאך מער פון זיינע פראויען וויא עס איז ארום צו זעהן
דיא בלוטיגען קרוינס גיזעצע דארט · דאס ער האט דאס רעכט זעלבסט
פון דער רעליגיאן צוא טייטען אבצעהן מענטשין איין טאג גאר
אום זונסט · זעלבסט דיין גרויש ווזיר (פרעמיער מיניסטער)
פלעגט צוא שטעהין אימער אין געפאהר · דאס דער שפריכווארט
זאגט דארט ,דער גרויס ווזיר קוקט זיך איין אין שפיגיל צו האט ער
נאך זיין קאפ אויף זיינע פלייצעס · נאס זייא דאנק דאס דיא
היינטיגע סולטאנען מאכען קיין געברויך פון דיזעם בלוטיגען
רעכט · אונ דער ראנג פון דיא שארפריכטעריי איז שוין דארט
העכסט גיזונקען :

דיא שארפריכטעריי איז פר בונדין מיט גרויס קונסט אונ
איבונג (גיניטקייט) אין דער טירקייא אלס דאס מענצליכע בלוט

פלעגט



פלעגט אלע טאג זיך גיסין וויא וואסער · זעלבסט פאר דעם
מינדעסטין פערדאכט (חשד) · אדער אזו גאר פאר וואס מען איז
רייך *) פלעגט צוא זיצען דער שארפריכטער מיט זיינע גיהילפען
(פאמאצניקעס) בייא לעבין דעם דיוואן (סענאט) וואס איז אין
האראם (הווארעץ) אין אפארטמנט אונ לעבין זייא פלעגט צוא ליגין
אגרויסע קופע צוגעגרייטע אדער אפלעציטע וואס זייא פלעגין עס צוא
ווארפין אלץ אין דער הויך אונ איבער האקען זיי אזו אים פלוג · מיט

זייערע

*) אזוא וואר אין סטאמבול אין דעם יאר (1810) אונטער די
רעגירונג פון דעם מאחמוד דעם דריטין' איין גיוויסער יודע אגרויסער
קאנטראקטאר אברהם סאפדי ער וואר שטיין רייך אונ וואר דער
בייא איין זייער בראווער ערליכער מאן וואס האט גיטאן גוטעס
מיט אידען מיט קריסטן אונ מיט טערקען · נון וואר ער אן גיזעהען
בייא דעם סולטאן אלץ פאר ברעכער צו ליב זיין גרויסעם פערמעגן
וואס האט אים זייער שטארק פערשטעקט · אונ האט אים אלץ איינען
פאליטישען פאר ברעכער פאר אורטיילט צום טויט · דאמיט זיין
איינענס זאל געהערין צוא אים · באלד דארויף איז גיקומען צוא אים
דעם סולטאנס שארפריכטער מיט צוויא צינאווניקעס · זייא האבין
אי[illegible]ער וויסט קראנק · אונ האבין ניט גיקאנט צו קומען צו
אים · דען זיין זון אונ זיין ברודער האבין צו [illegible]לאסי דעם צימער
וואו ער איז גילעגין · אונ אלץ דיא דרייא טירקען האבין צו זייא
גיזאגט מיר האבין צו אים איין נייטיגין אינטערעס פון סולטאן אונ
מיר מוזין אונז מיט אים אליין דורך אויס רעדען · האבין זייא
דעם סאפדי ארויס גיפירט צוא זייא אונטער דיא ארעמס דען זייא
האבין גימיינט דאס זייא זיינען גיקומען ווענין געלד זאבין · קוים
האט אים דער שארף ריכטער דער זעהען האט ער ארויס ביצויגין
פון זיין זאוואי איינען לאנגען דעמאסצאנער קלינג אונ האט אים
אין איינער זעקונדע ארונטער גינומען דעם קאפ אונ זיין פערמעגן
באלד צוא גינומען :

זייערע שארפע דאמאסצאנער קלינגן (דאס הייסט אזעלכע טייערע שווערד וואס ווערין גימאכט אין דמשק) וויא זיינען זייער ברייט · שארף · ביינזאם וויא איין שפראנדזיגע פון איינעם זייגער דאס מען קען זייא אין דעם טורבען האלטין ארום גיוויקילט ארום קאפ :

אונ דאס הייסט געאיבט זיך (געלעהרינט) אין דעם קונסט וויא ארונטער צו שנעלין אקאפ אם שנעלסטין · אין פראנקרייך פלעגין דיא שארפריכטער זיך לערנען אונ איבען אויף דער אקאדעמיע · אין דיא לעצטע צייטען וואס אלעס גישעהעט מאשינעלנע : דאס זעלבסט מיר רייזען מיט איינער מאשינע · נעמט מען שוין אין פראנקרייך גיקעפט מיט איינער מאשינע וואס הייסט קווילעטינע" זוא איז ערפונדין גיווארין אין דעם 92 טען יאר : אונ ווערט דארט פון יאר צוא יאר פערבעסערט · אזו ווייט איז אונזער נייע וועלט פאר געשריטען (אפעולה גיטאן) אין אלע נייע ערפינדונגען : אונ דאך ווערט זוא דערענירט (גיריכטעט) נור דורך איינען שארפריכטער וואס נעמט נאך עד היום דארט איין גרויסעם געהאלט · זעקס טויזנד פראנק איאר הויז וואוננג אונ בעדינונג : אונ דער צוא נאך צווייא גיהילפען (פאמאצניקעס) : דיזער אמט (סלוזבע) גייט איבער בירושה פון פאטער צום זון אדער צום איידעם · זעלבסט דיא פאמאצניקעס מוזין פון זייער פאמיליע גיוויילט ווערין : דער שארפריכטער מוז זיין גיקליידעט זייער עלעגאנט · מוז איינינער מאסען (עטוואס) געבילדעט זיין : מוז זיך ארענטליך אויף פירען אונ פירין איין יאהר בוך · אין וועלכען עס מוז ארויין גישריבען ווערין וועלכע פערזון ער האט הינגעריכטעט אונ פאר וואס · אונ וויא עס איז צוא גיגאנגען מיט איהר · בייא דער הינריכטונג (דעקרעט) · אונ וואס זיא האט דאן גישפראכין פאר דעם דעקרעט · אונ בייא אלעם דעם : איז ער דארט זייער פאר אכטעט · דאס גימאנד (קיינער) בעריהרט זייגע האנד שיהע

הענטשקעס



(הענטשקעס) וואס ער לאזט ליגען אויף דעם רבענשטיין °) נאך דער הינריכטונג : עס בלייבט ליגען ביז עס ווערט פאר פוילט · אזו אויך טרינקט קיינער פון דר געשיר (גלאז) פון וועלכע ער טרינקט · אונ דאהער איז דארט דא אין דיא שייגקען בעזונדערע געשירע פאר אים אונ פאר זייגע געהילפען (פאמאצניקעס) וואס ווערין אן גירופין „הענקער הומפען" :

קיינער האט דארט מיט אזוא איינעם דעם מינדעסטען אומגאנג (התחברות) קיינער גירישט אים ניט אין גאס · אונ ווערט צו קיין מאלצייט גילאדין · פר איינע קליינע פראבע פון דער גרויסע פר אכטונג דארט צוא אים קען אונז דינען דער קלוגער בעפעהל פון דעם מיניסטער רישעליו אנטקעגין דיא מאדע וואס עס איז גיווארין דארט אין זייגע צייטין צוא טראגין ווייסע היט וואס אין דעם האט זיך גימייעט עפעס איין פאלימישער זין געגין דיא רעגירונג · ער האט בעפוילין דאס דער שארפריכטער אונ זייגע געהילפען זאלין אן טאן ווייסע היט · אונ דאן וואר שוין מעהר נים צו זעהען · נים איינעמען אין אווייסע הוט :

אויף אזו אשטופע (גראד) שטייען די שארפריכטער בענאהע אין אלע אראפייעשע לענדער וואס דארט איז דא בלוט גיריכט (דיני נפשות) לבד אין אונזער רוסלאנד וואס קיין בלוט געריכט איז דא צייט קאטארינע דיא צווייטע · אונ דאהער אויך קיין שארפריכטער אונ דרום איז עס דיר איין גאנץ אומבעקאנטער גענענשטאנד (ענין) דאס איך האב דיר גימוזט געבין דיזע גינויע אויפקלערונג איבער דיא שארפריכטערייא · איצונד קענען מיר שוין שרייטען (צו טרעטין) צו דר הויפט גישיכטע וואס איר העלד איזט °°)

איין

°) ראבענשטיין ווערט אן גרופין דיא פאדמארופקע אויף וועלכער מען שטעלט אויפן עשאפאט אדער דיא בלוט געריכטע :

°°) די הויפט פערזוין פון יעדער גישיכטע דאס פון וועלכער עס ווערט אין איר דער ציילט מעהר אלץ פון דיא אנדערע וואס

קומען

Louis XIV



אין בעריהמטער שארפריכטער פון פאריז · איינע געשיכטע · מיינע טייערע לעזערין וואס העט דיר אריין לייכטען אין מאנכע טיפע פאלבען פון דעם מענשליכען הערצין · אונ דוא וועסט דער פון לערנען צוויי וויכטיגע זאכין · דאס מיר מענשין האבין איין גיבארענע טוגענדקע°) · אונ צווייטענס וויא מעכטיג אונ קרעפטיג עס איז דיא מאכט פון דער ריינע ליבע · זיא צינדעט דאס הערץ אן שנעל וויא איין בליץ · אונ פירט צוא איינעם גוטען ציל · אונ דאס אזוא איינע ליבע וואס זיך ענטצינדעט אין איינעם פרומען אונ אונשולדיגין הערצין · רופט שלמה המלך אין זיינעם שיר השירים "שלהבת יה" איין געטליכער פונק :

דער

---

קומען אין איר פאר ווערט זיא אן גירופען "דער העלד פון דיזע גישיכטע" :

°) עס איז שוין פון לאנג אן אנגרויסער שטרייט צווישין דיא פשיכאלאגען (דאס הייסט צוא ווישין וואס לערנען דיא חכמה פון כוחות הנפש) צו דר מענטש ווערט גיבאהרין מיט טוגענדען · דאס הייסט מיט מאראלישע אדער זיטליכע מדות · למשל וויא בושה · רחמנות · ענוות · דאנקבארקייט · גירעכטליכקייט · עהרען גיפיהלע וואס דאס הייסט דאס דער נפש איז פון נאטור שוין געטליך : אדער ניין דער מענש ווערט גיבארין [illegible] איין בהמה · [illegible] מיט דער צייט ערלערינט ער עס באם ער ווערט ערצויגין צווישין מאראלישע מענטשין (פרומע געזיטעטע לייט) אונ ווען נים בלייבט ער גאנץ אונוויסענד אונ דום אדער גאנץ ווילד וויא איין רייסענדעס טהיר וויא דר פסוק זאגט "ואדם עיר פרא יולד" נון פאר שטייט זיך דאס מיר אידין דארפין האלטין מיט דער ערסטער שיטה · אונ בפרט מיר זעהען נאך דאס א קינד פון איין האלבעס יאר האט שוין אויך בושה · אונ ווידער דאס קינדער פון לאסטער האפטע עלטערין זיינען אפט זייער בראווע לייט · עס איז אבער ניט דא דער ארט דער פון צו רייסען :



2.

## דער שארפריכטער זאנזאן אין פאריז :

אונטער דער רעגירונג פון דעם לודוויג דעם פערצעהנטין קיניג פון פראנקרייך וואר איין שארפריכטער אין פאריז איין געוויסער זאנזאן · ער וואר איין מאן פון גרויסע בילדונג אונ צוא גלייך פון גרויסע טוגענדען (מדות טובות) · ער וואר איין גרויסער מוזיקוס אונ אויך איין גוטער יוריסט (אדוואקאט) דאס פיל מער ארם איינמאל האט ער פערטהיידיגט (ואשצישציעט) מאנכע בעשולדיגטע אונ האט זייא בעפרייט פון טויט · אונ האט זייא דער צוא נאך בעקליידעט אונ גיהאלטין ביי זיינעם טיש ביז זייא האבין אים גיזוכט א פאר זיך איין אונטערקאמען (פרנסה) · ער וואר איין שארפריכטער, נור ווייל זיינע עלטערין ווארין עס פון דורי דורות · מער אלס דרייא הונדערט יאר האט גיוואנדערט דער בייל (הענקער האק) אין זיינער פאמיליע פון פאטערס האנד אין דעם זונס האנד ווייל דיזער אמט (ציין) איז דארט בירושה · אונ דער זאנזאן וואר שוין דארט דאס עלפטע גליד (דור) אונ מיט אים האט עס זיך שוין גיענדעט דיזע בלוטיגע ערבשאפט אין דיזער פאמיליע · איבער צוויא אורזאכין · אונ וואס ביידע צייגען אויך זיינעם גרויסן [illegible] וואר איין געוויסער יוועלן הענדלער אידע בענעדיקטוס (ברוך) באנדרעלע · דיא צווייטע וואר איין געוויסער יונגער פראנצויזע וואס מען האט אים גירופען "אליפער נאנעגעלי" נון וועלן מיר דר פון דער ציילין אונ בעשרייבין איינעם נאך דעם אנדערין :

3.

## דער יוועלער הענדלער בענעדיקטוס ברוך (באנדרעלע) :

אין יענע צייטען האבין נאך אונזערע יודין קיינע גרויסע ראלע גישפילט אין פראנקרייך וויא איצונד · זייא זיינען דארט נאך

פיל

CARDINAL RICHELIEU



פיל בידעריגר גישטאנען אלס מיר איצונד דא · ווער רעט פון דער דינען זיך · עס וואר זייא נאך ניט ערלויבט צו וואגען דארט אין אלע שטעלען · אין פאריז ווארין דאן אונזערע ברידער גאנץ ווייניג · דאס הייסט נור פריווילעגירטע · אונ דאס אויך האבין זייא נאך ניט גיטארט האנדלען מיט אלץ נור מיט געוויסע ארטיקולען ; גון וואר דאן איינער פון זייא וואס האט גיהייסין בענעדיקטוס (ברוך) באנדעלע איין יונגער מאן פון איאר אכט אונ צוואנציג שיין פון גישטאלט אונ פון איינעם פיינעם בענעהמען אונ וואר זייער רייך דען ער וואר איין יוועלען הענדלער אונ צו גלייך איין יוועלען שלייפר · אונ דורך דעם האט ער גיהאט איין גרויסע איין גאנג ביא אלע גרויסע הערשאפטין · אין דעם קיניגליכען הויף · נאך מעהר ביא דעם דאמאהליגען גרויסען מיניסטער · ביא דעם רישעליע · וואס האט דאן גיהאט צו זאגין אין גאנץ פראנקרייך פיל מעהר אלס דער קיניג זעלבסט · דיזער גרויסער הער האט וויא צו זאגען גיפירט גאנץ פאריז פאר דער נאזע מיט איינער אייזרנע הענצקע · דאס הייסט זייער שטרייננ · דאס דער נאזע מיט זיינע צוויי גיהילפען האבין גיהאט צוא טאן מיט זייער ביידין הענדען · דיא גאנצע שטאט וואר פול דאן מיט פיסקאלען אונ אויער בלעזער (דענאנציאנטען) וואס פלעגין זייער גוט בעלוינט ווערין פאר יעדען רכילות · אונ עס וואר דאן געוואוינגין וויא צוא זאגין ווארט אונ געדאנקען · אונ זעלבסט אחלום אן צענזוריע וואר דאן אויך אפאר ברעכין · ווייל דאס פאלק וואר זייער אונ צו פרידען מיט דעם מינסטר · אונ ווארין העכסט אונרוהיג · גון ווארין פילע פון זייא ארין גיפאקט אין דער באסטילע °) אונ אטייל צו גישיקט צו דעם זאנזאן אום צוא מאכין זייא

---

°) דיא באסטילע וואר דאס שרעקליכסטע געפיגניס הויז אין גאנץ פראנקרייך · זיא האט גיהאט אין זיך כמה וכמה הונדערט פינסטערע צעלעם אין הויבע טורמעס · אונ ווער עס איז איין מאל אין איר אריין האט שוין ניט דער לעבט ארוים צו גיין:



זייא מיט אקאפ קירצער · דען אין פראנקרייך וואר מען קיין מאל אקאנאמיש זיך בעגאנגען מיט מענטשליכע בלוט :

אין דיזער גיפערליכע צייט וואס יעדער קלוגער האט וויא צו זאגין זייגעם מונד פאר ניטעוועט דאמיט עס זאל זיך קיין צווייא דייטיקעס ווארט ארוים האפען · האט דיזער באנדעלע גראדע גיהאלטין אים אפין · אונ האט זיך איבער דיזען מיניסטער גענוויצעלט אין איינער פערטרויטער גיזעלינשאפט · אונ עס וואר באלד ערטראגין צו דיא אויערין פון דעם מיניסטער · אונ צום אומגליק האט דער מיניסטער דעם וויץ זיינעם פיל טיפער אונ ביזאנדער פארשטאנדען · אלס דער זאגער אליין דאס הייסט דער באנדעלע דען עס האט בעריהרט גאר זיינע אהייליכע אינטערעסע · אונ עס האט אים דאס זייער גיקריינקט · גון פון היינט אן האט ער זיך אפ גירופין זאל קיינע אידעשע פוס איבער מיינעם שוועל קומען · דען זייא האבין אדלער אויגין · אונ קאצין אויגין קענען זעהען אין דער העלע זאגע אונ צו גלייך אום דונקעלסטין °) · א דיזער באנדעלע האט מיך אין פאס (העכסט) בעליידיגט אונ איך ווערדע מיך אן אים רעכענען (נוקם זיין) :

אין אפאר טאג ארום איז דער רישעליע גיקומען צוא אים אין זיינעם הערק שטאט (ווער שטאט) אום צו קויפין וויא ער האט גיזאגט איינען טייערין רינג פאר זיינע אפלימעניצע צוא איר גיבארינס טאג ; ער האט עס ביא אים גיהאנדילט פאר שווערעס געלד

---

°) דער אדלער האט איינע זויא צוא זאמען ציהענדע קראפט אין אויג דאס ער קען קוקין גראדע אין דער זון ווייל עס בלייבט ביא אים דאן פון דעם שווארצאפיל מעהר ניט וויא אקליינע שפילקענע קעפיל · דאס עס קען ניט שאדין דיא זון · דיא קאץ אבער האט איינע אויס ציהענדע קראפט אין אויג דאס אין דונקעלין ווערט דאס גאנצע אויג איין שווארצאפיל אונ קען דאהער ביא נאכט אויך זעהען :

געלד · ער האט דער ווייל דורך געזעהען זיבע טייער און איידעלע
ארבעט און די זיינען אים אזו ווייט געפעלין דאס ער האט אים איין
געלאדין צוא זיך אויף איר געבורטס טאג · דען זיין פליטענצע וואר
נאך איינע מיידיל ביי אים אין שטוב און האט אים פאר זיין
אוועק נייען געגעבין איין לאדונגס קארטע אויף דעם און דעם
טאג אין זיינעם לאנד שלאס (דאציע) וואס איז ווייט פון פאריז
צוויי מייל „קומען זיא" האט ער אים דער ביי געזאגט
איך וועל אייך דארט פאר דעם קיניג פארשטעלין · דאס איר זייט
דער גרעסטער קינסטלער אין פאריז · און ער וועט אייך פאר געווים
פאר אייער הויף יוועלער מאכין נון פאר שטייט זיך פון זעלבסט
דאס עס האט ביי דעם באנדעל דאס הערץ אין בוזים געטאנצט
פון פרייד · דען עס ערוואַרטעטע אויף אים גרויס עהרע און גליק
ביי זאמען · און נאך האט עס דארטין קיין יודע זוכה געוועזן ביז
אהער · און ער האט זיך שוין אן געהויבן צו צו ברייטען מיט גרויסע
קאסטין צוא דיזען באל · ער האט זיך זייער שיין אוים געקליידעט ·
ארום געראזירט · גידונגען אטייערן רייט פערד מיט אטייערן
זאטיל און האט געמאכט ביי זיך אין שטוב איין אוונד (אמאלצייט)
פאר זיין אוועק רייטין אהין · פאר גוטע פריינד און ביקאנטע וואס
זייא האבין אים צוא [illegible] גליק אויף דיזע עהרע רייזע
און וואס האבין אים אין הערצין העכסט מקנא געוועזן · זייא האבין
ביי אים פאר בראכט דיא גאנצע נאכט ביז טאג און דער נאך
האבין זייא אים איין עסוואס בעגלייטעט (בעגלייט) און ער האט
זיך אוועק געריטען אוים געפוצט וויא איין גליקסריטער גאנץ
בערוישט (פאר שכורט) פון שטאלץ און פון האפענונג · דער
פריא מארגין וואר זייער שיין און העל · די רייזע איז זיך געגאנגען צו
ווישין זייער שיינע ווזען (לאנקעס) און גרינע געביסע (חמיזניקעס)
וואס טו זענדע סאלעוויען האבין פון זייא ארויס געקוקט זייערע
טבעלין אלם וואלטין זייא אים געווישין פריינדליך אויף דיזע עהרען
רייזע · און דאס פערד האט ביי געיאגין דאס זייניגע צו דיזען

פריידען



פריידען ריט (רייטונג) דען ער איז געגאנגען טאנצענדען · דאס דער
באנדעלען האט זיך געדוכט דאס אלעס איז מיט אים אין בונד
(פריינד שאפט) און דאס אלעס פרייעט זיך מיט זיינעם גליק ·
זעלבסט דיא גאנצע נאטור · דאך דיזער וואהן (טעות) וואר ניט פון
לאנגען דויער · דען באלד איז געווארין אשטורעם · דער הימיל האט
זיך פערצויגין מיט וואלקען · עס האט אן געהייבין צוא דונערין צו
בליצין און באלד דארויף האט אוים געבראכין אגרויסער רעגין ·
דאס ער איז געווארין נאס וויא אקאץ · און האט זיך גימוזט אלזוא
אבריין האפין זיך אין איינעם קרוג (קרעצמע) איבער צו ווארטין די
גאוואלניצע · ער האט דער וואוסט נאך בעסער פאסאזירען וואס
דער רעגין האט זייא אויך אהין פערטרייבנט · עס ווארין אונטער
זייא בעקאנטע און אום בעקאנטע · און ער האט אלזוא געהאט
דארט איינע גוטע געלעגענהייט פאר וועמען צו בערימען זיך מיט
דעם גליק וואס אים שטייט דא פאר · און מיט דער גרויסע עהרע
צו זיין געלאדין צוא דעם רישעליע אויף איינעם באל · און האט
אלזוא דיזע געלעגענהייט זייער שטארק בענוצט · דען ער האט דער
ציילט פאר זיינע בעקאנטע דעם ציל פון זיינער רייזע · און האט
זייא נאך דער צוא טראקטירט מיט וויין · מיט ביר · דאס עס האט
אויך געקאכט מיט אים דער גאנצער קרוג (קרעצמע) · דאס אלע
געסטע האבין אויף אים געקוקט מיט ביידישע (קנאהדיקע) בליקין ·
חוץ איינער אמענש פון מיטעלע יארין וואס איז זיך געזעסין איין עק
טיש און האט גערייבערט אפייף האט קיינען איין מייל געגעבין אן
דיזע קנאה · פאר קערט נאך ער האט אים בעדויערט און אלם
דער באנדעלע איז צוא אים צוא געגאנגען פאר רייבערין זיין פייף
אן דיא פייף פון דיזען אום בעקאנטין · האט אים דיזער אפ געשלאגין
פון דיזער רייזע :

„פאלגין זיא מיך" האט ער זיך אפ גערופין צו דעם באנדעלען
זייער שטיל „קערין זיא זיך בעסער אום נאך הויזע · דען דיזע
רייזע וועט אייך צו קיינעם גליק פירין..." „וויא אזוא" האט זיך דער

באנדעלע

באנדעלע אף גירופין זייער שטארק ערהיצט א צוא וואס זאל איך עס טאן דער מיניסטער זעלבסט האט מיך גילאדין · אונ דאס איז זיין איין לאדונגס קארטע · נון דארף איך זיין איין דום קאפ אונ אייך צו פאלגען .א מיין בעסטער, האט זיך דער אונבעקאנטער אף גירופין איר קענט נאך אונזערין מיניסטער גאנץ ווייניג · גיפערליך איז יענער וואס פאלט אריין אין אונגינאדע ביי אים (איזנעמלאסט) גיפעהליכער אבער איז יענער וואס שטייט ביי אים אין גונסטען (חן) · מרויט ניט אלזו זיינע פריינדליכע ווערטער אונ לויפט צוריק אהיים .נון מאכטע איך דאך וויסען, האט זיך דער באנדעלע אף גירופין וואס קען איך דער ביי פאר ליידין .ניט ווייניגער אלס אייער לעבין. האט ער אים גיענטפערט דען איר ווערט דארט פאר גיוויס גיהאנגען ווערין · אונ פון וואנען ווייסט איר עס האט אים דער באנדעלע ווייטער גיפרעגט · ווייל איך האב איינען בעפעל פון דעם מיניסטער דר צו, האט אים יענע גיענטפערט · אונ ווער זייט איר פר איינר, האט אים דער באנדעלע גיפרעגט האלב צוא שראקין, ווייל איך בין זאנזאן דער שארפריכטער האט ער אים גיענטפערט · .אונ ווער בין איך, האט אים דער באנדעלע גיפרעגט איר הייסט בענעדיקטוס באנדעלע איין יודע איר האט אייך גענויצעלט איבער דעם מיניסטער (גלייך ווערטליך גיזאגט) האט ער אים גיענטפערט "נון האט ער אייך איין גילאדין צוא זיך אום אייך נור דארט צוא הייגען" ווען אזוא האט זיך דער באנדעלע אף גירופין צוא וואס האט ער נאך גידארפט מיך נארין · איין לאדין צו זיך אויף איין באל · עס איז דאך שוין מעהר וויא איינער וואס ער האט גילאזט היגריכטען (דן זיין) פובליצנע ,ווייל אייער פאר ברעכין איז קיין פאליטעשער (דאש הייסט ניט אנקעגין דיא מלוכה) איר האט אייך פאר זינדיגט נור אנטקעגין זיינער פערזאן · דאהער מה -אייער דעקרעט גישעהען קריטע, אונ דאך ווילט זיך מיר עס ניט גלויבין האט זיך אף גירופין דער באנדעלע בייסענדיק זיך דיא פינגער דען ער וואר שוין וויא צוא מישט ווען אזוא קענע איך אייך



ציינען דעם באפעהל וואס איך האב וועגין אייך שריפטליך אונ האט אים דער ביי געצייכנט דעם פאפיר אלזוא בין איך דאך שוין צו הויזע אויך ניט זיכער האט זיך דער באנדעלע אף גירופין .נון זוכט אייך אוים איינען זיכערין ארט, האט ער אים גיענטפערט איך מיין זאגרעניצנע אונ אויב ניט זייט איר אין גאנצין פאר לארין · אונ הימע איר קלינער גיוועזען האט איר ניט גידארפט מיט מיר אזוא פיל ריידען דאריבער · דען איך וועל ניט ווייניג ליידין איבער אייך באם איר. ווערט מיך פאלגין · דען צוא פיל הארכער ווארין דער ביי · אלזוא פריינד צאנקט ניט (מאכט קיינע שיהות) אונ גאט מיט אייך :

נון פאר שטייט זיך דאס דיזער יונגער מאן האט זיך ארויס גיחאפט וויא אפייל פון בויגין פון דעם קרוג · אונ האט זיך ארויף גיחאפט אויף דעם פערד · אין אוועק אהיים · האט מיט זיך מער ניט גינומען זיין שאכטיל בורלאנטין אונ איז אוועק איבער אלע בערג · אונ איז פאר בליבין אין אוים לאנד כל זמן דער רישעלייא האט גילעבט · אין דעם זעלבין טאג האט דער רישעלייא באקומן צו וויסין פון דער גאנצע גישיכטע · אונ איז גיווארין העכסט אויף גיבראכט אויף דעם זאנזאן · אונ האט אים גילאזט באלד רופין צוא זיך :

נון מיינע טייערע לעזערין מיר וועלין דא פאר בייגין דעם גאנצין גישפרעך · דאס הייסט דיא פראגין אונ די אנטווארטין וואס וואר דארט צו צווישין זייא ביידין · מיר וועלין נור דא שרייבין מיט וואש דיזע לידעלע האט זיך גיענדעט דאס הייסט דיא לעצטע תשובה פון דעם זאנזאן מיט וועלכע ער האט זיך גירעכט פארטיגט פאר דיזעם גרויסין שטריינגען הערין איך בין איין גישווארענער שארפריכטער צו היגריכטען (ממית צו זיין) נור אזו איין פערברעכער (זינדער) וואס איז פריהער גאנץ גיהעריג עקזאמענירט גיווארין אונ ערשט דער נאך פאר אורטיילט גיווארין צום טויט · אבער ניט אזו איינעם וואש איז נאך ביי דעם גיריכט ניט גישטאנען · אונ אזו

איינער

איינער איז דער באנדעלע · נון וויל איך ניט מיינע ווילע בעפעלען מיט אזעלכע בלוט · אונ ווען זייא ווילין מיינען אמט (צין) מיסברויכן (שלעכט בענוצין) צו אזעלכע עקזעקוציאנען (פסקים) קענען זייא מיך פון מיינעם אמט (דאלינאכט) ענטלאסען (איינע אסטאווקע געבין) דיזע אנטוואורט האט ניט פאר פעלט איהרע גוטע ווירקונג · דען דיזער רישעלייא וואר איין גייסטליכר (דוכאוונער) אונ האט אים אוועק גילאזין פון זיך מיט איינע ביום פקדי ופקדתי. דאש הייסט דאש ער וועט אים צוא טרעפין צוא איינער גילעגענערע צייט · וייל איצונד וואר ער צוא גירעכט דאש ער זאל אים בעשטראפין מיט איינר ענטלאסונג (אסטאווקע) אונ דיזע גלעגינהייט (קלוציייע) האט זיך ניט לאנג פאר זאמט וויא מיר וועלין דא באלד בעשרייבין :

4.

„א'יוער גאנגטנעלע :

דיזער זאנזאן האט גיהאט נור איינע איינציגע טאכטער אונ מער ניט · איין מיידכען פון איהר צוואנציג שיין וויא איינע פענוס (דיא געטין פון ליבע) דער צוא זייער שטארק גיבילדעט אונ גוט גיזיטעט (דאש הייסט מיט מדות טובות) אונ העכסט רעליגיעז (פרום) פלעגט צוא בעזוכין דיא קירכען זייער פלייסיג אונ פלעגט אויך צו מיילין זייער פיל אלמאזען (צדקה) פלעגט אויך צוא זוכין דיא ליידענדע אין דיא עלענדעסטע היטע (שטיבעלע) אונ פלעגט אלזוא דארט ערשיינע מיט טהאט (פעולה הטובה) אונ מיט ראהט וויא איין הטענדער אייגעל · אונ וואר אלזוא דער שטאלץ אונ דיא פרייד פון איהרע עלטערין וואש האבין גיוואלט שוין לאנג איהר פערהייראטהען אונ האבין ניט גיקאנט · וייל דיא טאכטער וואר ניט איניג מיט דיא עלטערין אין דיזעם ענין · זיא האט זיך גיוואלט בעקומען אזו איין יונגין מאן וואש זאל זיין שיין געבילדעט · פון איינעם ערליכין אויף פיהרונג · אונ זאל וועלין אויך איבר נעמען נאך דעם זאנזאנס טויט זיין אמט (דאלזנאכט) דאש הייסט ער זאל ווערין
איין



איין שארפריכטער · אונ עש האבין זיך דער צו גימעלדעט אזו נאך איינע שטודענטין · וייל עם האט זיך זייא ניט גיוואלט דאש דיזער אמט זאל אויף הערין מיט דעם זאנזאנס טויט פון זייער פאמיליע וואש האט עש בעהויפטעט (דער האלטין) אין זיך מער אלס דרייא הונדערט יאר אונ ווארין זייא צוא זאגין העכסט שטאלץ דארויף· דיא לעאנארע (דיא טאכטער) אבער וואר גאר איינער אנדערין מיינונג · זיא האט גיוואלט בעקומען איינעם שיינען געבילדעטין יונגין מענטשין פאר א מאן וואש זאל ניט וועלין זיין איין שארפריכטער אונ זאל ארויש פארין מיט אים אין איינער לאנד : אונ אזוא איינעם וואר שוין שווער צוא בעקומען וייל ניט איין ארענטליכער מאן וועט וועלין הייראטהען איינע טאכטער פון א שארפריכטער ניט בלייבענדיק ביי דיזעם אמט (דאלזנאכט) וואש איז העכסט איינטרעגליך · אונ וואש מען בלייבט פאר זארגט מיט ברויט אויף דורי דורות · אונ דיזע פערשידענע מיינונגען פון פאטער אונ טאכטער האט פאר אורזאכט (אן גימאכט) צאנק אונ האדער (קריג) ביי זייא אין הויז ביז איין גיוויסער צוא פאל (שלוצאייע) האט דיזען לאנגין שטרייט גימאכט איינע ענדע · איינע ענדע דורך וועלכע דער זאנזאן האט זיינע טעכטער פאר לארין וויא מיר וועלין באלד אליץ ריכטיג בעשרייבין :

דיזע לעאנארע וואר וויא מיר האבין שוין דא פריהער גישריבען איינע העכסט פרומעס מיידכען · אונ דיזע פרומקייט האט איר דעם באסערטין צו גיפירט אלס זיא וואר מיט איר מוטער אויף איינעם וואהלפארט (היילינע רייזע) צוא איינער קירכע וואש וואר פינף מייל פון פאריז · זיא האט אויש גיגאסין דארט איר הערץ אין איינער שטילען גיבעט דאש דער ליינקער דער עהען (דאש הייסט דער גאט וואש קערעהעט אלע שידוכים) זאל איר צו שיקין אהין נאך איר וואונש · אונ זיא איז גיווארין דער הערט : דען נאך איז קיינער ניבליבין · אונ בעאנטווארטעט פון אים דער וואש בעט אים נור אן מיט ריינעם אונ אויף ריכטיגען הערצין · אונ אזוא האט

(די ליבע)   בית   זיא

זיא אויך גיבעטין · אונ האט וויא גיזאגט באלד גישפירט אין איר געמיהט דאש זיא האט ניט אום זונסט גיבעטין · דען וויא באלד זיא איז ארויש פון דארט האט זיא זיך גישפירט עפעס וויא ניי גיבארין · עס איז איר גיווארין פיל לייכטער אויף דאש הארץ אונ האט אן גיהייבין צו אטעמן פיל פרייער · אונ האט איין גיקערט מיט איר מוטער אין דעם זוים (ברעג) פון איינעם גרויסין אונ גידיכטען וואלד · אונ האט זיך דארט גיזעצט מיט איר מוטער אונטער איינער גידיכטען אייכע · אום זיך אויס צו רוהען אונ צו עסין איינען לייבכן אווענד ברויט וואש זיא האבין מיט זיך גיהאט אין זייער רייזע טאש · ווייס ברויט · קעז · פוטער · איינע בוטעלע ווין אונ בראטין · אונ האבין זיך גיטליך גיטאן :

עש וואר דאן מאנאט מאיי · אין העכסטען שיינער טאג · דיא זון האט שוין גיהאלטין ביא דעם אונטער גיין · אונ נעכטליכע קיהלע (קאלטקייט) וואש האט ערקוויקט יעדען מידען לאנדמאן (פעלד ארבייטער) האט ערקוויקט אויך דיזע צווייא ערמידעטע ווייבס פערזונען פון זייער שווערע אונ פרומע פוס רייזע · אונ האט דיא זאנפט (זיס) איין גישלעפערט דיא מוטער אויף דעם גרינען ווייכען גראז · דיא טאכטער אבער איז גיבליבין וואך אונ האט פארשייכט (גיטריבן) דיא פליגין פון דער שלומערנדע מוטער · אונ פון דעם שערוועם וואש וואר אויש גישפרייט לעבין דיא אויף דעם גראז אויף וועלכין עש איז גיוועזן גילייגט זייער אבענד ברויט · אונ האט דער ביא גימאכט שיינע בעטראכטונגען · איבער דיא שיינהייט פון דער נאטור · איבער דיא וואונדערליכע איין ריכטונג פון דער גאנצער שאפפונג (בריאה) אונ האט איר בעוויזען פאר וואש זיא וואר ניט בענוצט פון דעם שאפפער (בורא) צו בעגליקין מיט איר פיל בעסערע וועזענס (נבראים) אלס דער פאר דארבענעם מענש איז וואש פאר שטייט זיך ניט גליקליך צו מאכין מיט איר · אונ זיא וואלט אזו פאר ניוויש אזעלכע גישווערעכט (פאר לויפין) מיט אירע פאנטאזיען דער ווייסט וואו הין ווען עס וואלטין מאיר ניט

גישטערט



גישטערט דער ביא פענסטערליכע טריט · טריט פון איינם יונגען מאן וואש איז אקארשט ארויש פון דונקעלסטין ארט דאס וואלד · אבער גאנץ זאכט אונ זייער בעהוטזאם (אסטראזנע) וויא איינער וואש זיך ניט וואגט אריין צו ווייזין זיך אין דער ווייסע ליכטיגע וועלט · איידער ער איז ארוים פון וואלד אונ איז זיך גיגאנגען ביא דעם זוים (פאזען) פון וואלד טריט ביא טריט ביז ער איז גיקומען צוא דער שטעלע וואו דיזע רעאנארע זיצט · אונ האט זיך לעבין איר אפ גישטעלט · אונ איז גיבליבין שטיין וויא איינע שטייפערנע סטאטוע (בילד) · מיט פאר שלונגענע ארעמס (צוא זאמן גילייגט) · ער איז גיבליבין שטיין מיט איינעם פוס עטוואס פאר אויש אום צו מאכין נאך אשריט (אטריט) וועלכין אבער ער האט שוין ניט גיוואגט אונ איז גיבליבין וויא איין גיווארצעלט · אונ איז אזו אין דיזער שטעלונג (שטייאונג) פאר בליבין שיינע עטליכע מינוטין אין וועלכע אונזערע לעאנארע האט גינוג צייט גיהאט אים צוא בעטראכטין · אונ זיך שטערבליך צוא פאר ליבין אין אים · דען נאך האט זיא אין איהרען לעבין ניט גיזעהען אזו פיל שיינעס · אזוא פיל פאלקאמענהייט (סאווערשענסטווא · דאש קאנאלנאבין) אזוא פיל מוטהע · ליבליכקייט מענליכקייט אונ אזוא פיל ווירדע אין איינעם מענטש פערזאן וויא זיא האט דא גיזעהען אין דיזן גאנץ איר אום בעקאנטין · נאך מער האט איר בעצויבערט אונ אן גיצויגין איר צוא אים איין מיפער קעמער וואש איז גילעגין אין זיינעם גערעגעלטען (רעגולארנעם) געזיכט דאש האט מיט לייך ערוועקט אין איר :

דיא סעכטע דער שלומער פון זיינער מוטער, האט זיא דאן פאר גיהויש ביא זיך בעטראכט ביז טאגעס גרויסען דויערע אן שטאט וואש איינע אנדערע וואש ווייניגר פרום אלס זיא וואר וואלט דער מוטער גיוואונצין גאר איינעם איביגין · שלאף · צ...
ווייניגסטענס ביז דעם אונגסטין טאג (דאש הייסט ביי...
טאג פון דער העלם) · זיא האט אירע אויגין פ...
...רער אם
, דעם לעצט...
אים ניט ארא...
...אן
גינומען

גינומען · אונ אזוא ער אויך פון איר · אונ האבין זיך אלזוא מיט אירע שטומע בליקען פיל מעהר בעשפראכין אלס מיט טויזענד צונגען אין איינעם יאר · עס וואר הערץ אויף הערץ אום גטויכט (אויס גיביטען) אונ אלס זייערע גימיטהער האבין איינען טאפ גימאכט (דאש הייסט ווייא צוא זאגין זיך דיא הענדע גיגעבין) אין מען שוין מיט דער שפראכע ארויש „גוטען מיידכען, האט ער זיך צו איר אפ גירופין צוא איר בעווירטען זייא מיך (זייען זייא מיך מכבד) מיט איינעם שלוקכען (זופ) וויין אונ איין עטוואס צו בייסען דען איך בין גאנץ פאר שמאכטעט · מער אלס צווייא טעג דאש איך האב ניכט אין מייגעם מונד גיהאט · איך פאר גייהע אלזוי אויש דארשט אונ הונגער · איך בין פאר שמאכט ; ערבארעמען זייא זיך איבער מיך :

„אונ ווער זינד זייא„ האט זיא אים גיפרעגט דער לאנגענדיק אים דיא בוטעלקע וויין מיט איין שטיק זעמיל דער צוא · איך בין איין דעזערטיר (איין אנטלאפענער) האט ער איר גיענטפערט · אונ דאך איין ערליכער מאן · איך בין אנטלאפן פון דער באטטילע · אונ בין פאר אורטיילט צום טויט · איך האב דאש אונגליק גיהאט צו שרייבען איין עפיגראם (איין שפאט ליד) אויף דיא (מאיטרעסע) דיא גיליבטע פון קעניג · אונ שמאכטע דאהער שון מער אלס איאר אין דער באסטילע · אונ יעצט בין איך פאר אורטיילט (פאר משפט) צום טויט · נון האב איך מיך גיפליכטעט (אנטלאפין) אונ מיך פאר שטעקט אין דיזען וואלד · אונ קען אלזוא קיין אויס וועג גיפינען אום ווייטער צו לויפין · דען איך ווערדע זייער שטארק גיזוכט · אונ דא צו פר בלייבין פעלט מיר אן אלעמען דען איך האב קיין גראשין געלט · קיין עסין · קיינע טרינקען · אונ איך לעב דא נור פון וואלד פריכטע אונ פון ערדבערען (פאזימקעס) :

„אונ דאש זאל אייך פון הייגט אן ניט פעלין מיין ליבער„ האט זיא אים גיזאגט · איר יעצט עסין זייא אונ טרינקען זייא נאך אירע בעליבען · אונ מיט געלט קען איך אייך אויך אויש העלפן





דען איך האב ביי זיך איינינע צעהענדליג פראנק אונ אויך ווייטער זייען זייא אויך גיזיכערט · דען איך ווערדע היר אלע וואך קומען מיט אלעם גוטין · נון זוכין זייא זיך אויש איינען גוטין פאר שטעק בעהאלטענעם ארט אין דיזען איינזאמען וואלד · אונ דולדען זייא ביז איך ווערדע ענטפער איינע פאר צייהונג אויש ווירקען · אדער איך וועל מיט אייך צוא זאמען פליהען · אנטלויפין :

באלד נאך דעם האבין זייא זיך איינער דעם אנדערין ערקלערט ווער זייא זייען · ער הייסט אליווער גאנגענעלע אונ איז איין יונגער אדוועקאט פון שיינע עלטערן · אונ זיא הייסט לעאנארע דעם שארפריכטערס טאכטער · אונ זייערע יונגע ליבע אבער פעסטע ליבע איז גיט ערשיטערט גיווארין דורך דיזע ערקלערונג · דען וואו ליבע איז אין שפיל דארט פאלט שוין אוועק אלע געבען זאכין · מען האט זיך דיא הענד גיגעבין אונ גישווארין דאש זייער בונד זאל בלייבין אויף אימער הייליג אונ טייער דאש זעלבסט דער טויט זאל זייא ניט שיידין · אונ דאש אויך זיא האלטין פינקטליך איר פאר שפרעכין צו קומען אויף דיזער שטעלע איין מאל אין דאנערסטאג פאר נאכט · זאל אים ברייגען אלער האנד ערפרישונגען · אונ אויך נאכריכט וואו עם האלט מיט אים · אונ האבין זיך באלד דארויף גישיידעט ווייל דיא מוטער האט זיך אן גיהייבין צוא צוכען · אונ דיא ליבע איז דאך ווייא מיר ווייסין איין פורכטבאר פויגיל · ציטערט פאר דיא שיין · אונ דאהער אלס דיא מוטער איז אויף גישטאנען האט זיא שוין קיין שפור פון אים דאן ערוואוכט · אונ אלס זיא האט איר גיפרעגט וואו איז אהין גיקומען (דיא שפיע) וואר דיא אנטווארט דאש איינע בעטלער פאמיליע זיינען דא פאר ביי גיגאנגען · האט זיא עם זייא צו טיילט :



דאש ענדע :

די לעאנארע האט גיהאלטין ווארט · פלעגט אלע דאנערסטאג קומן

צוא דעם בעשטימטין ארט מיט אנאנצין שאקוואיאר וויקטואלען (שפייז ארטען)׃ מיט געלט · מיט מאנכע קליידער שטיקען ׃ אונ פלעגין נייערע ליבע בענייען מיט נייע שבועות ׃ אונ מיט צערטליכע ווערטער ׃ אונ פלעגט זיך נאך הער צוריק אוועק אהיים מיט דעם פאר שפרעכין איבער אכטאג זיך ווידער צו זעהען ׃ אונ אזוא זייען זיך איבער גילאפין גאנצע צעהען וואכין · אונ ער האט זיך אויש גיזוכט דארט אין וואלד איינע העלע (הייל) פון אוילדעם מהיר (היה) וואש קיינע מענטשליכע פוס האט זיך אהין קיין מאל פאר איהם · אינ פלעגט צו פאר בריינגען דארט דיא צייט צו חישין פורכט אונ האפענונג ביז דעם קינפטיגין דאנערשטאג · אונ נאך וואר פון קיינע אבנעסטייע (פערצייהונג) צו הערין · דען זיא האט אירע ליבע נאך גיהאלטין אין גיהיים אונ האט אפ גיווארט איינע גינסטיגע (פאסענדע צייט) דער צוא וואש זיא האט זיך אליין אן גיבעטין צוואר מיט גרוים קובר אונ טרויער דאך האט זיא גיפירט צו דעם גליקליכין ציל ׃

אין איינעם גיווישין דאנערשטאג · האט זיא דארט אין זייערין אפ גירעטעטין ארט אומזיכט אפ גיווארט · אלע אירע רונדען פייפען · אונ דיא איבעריגע גיוואוינליכע זיגנאלען (סימנים) ווארען אונבעאנטווארטעט · נון וואר זיא העכסט בעטריבט אונ האט ניט גיוואוסט וואש איבער צוא טראכטין · צוא איז ער גיווארין ברייבריביג דאש הייסט ער האט גיבראכין זיין שבועה ׃ צוא ער איז גיווארין גיפאנגען · אונ איז אלזוא גיקומין אהיים העכסט טרויעריג · דאך דיזער טרויער האט אן גיהייבין אין אירעם הערצין צוא שטייגען · אלס זיא האט גיזעהען דאש דער פאטער קלייבט זיך צו איינער הינריכטונג וואש ער וועט פאלציהען (איספאלנייען) אין דריא טעג ארום · דען ער האט גילאזט שארפין דיא בארטע · דיא היינקער קליידער אויש פוצען דאש גלייכין ׃

אונ וועמען גילטעס (דאש הייסט פאר וועמען איז עס) האט זיא אירין פאטער גיפרעגט דאש גילט האט ער איר גיענטפערט איינעם גיווישין יונגען אהועקאטען אליווער נאנגאנעלע האט ער

איר



איר גיענטפערט ׃ קוים האט זיא דער הערט דיזען נאמען איז זיא גיפאלין אין אונמאכט · אונ אלס מען האט איר אפ גימינטערט אונ איז צו זיך גיקומען האט זיא ווייטער דעם פאטער גיפרעגט „פאר וואש„ פאר איינע פאר באטענע שריפט אויף דיא מאיטען · דיא גיליבטע פון קיניג · דורך וועלכע דער קיניג בעליידיגט גיווארין איז וואר זיינע אנטווארט ער איז וועגען אנטלאפין · נון האט איס דער קיניג זעלבסט בעקומען אלס ער האט גיאכטעט אין דעם וועלבינג-וואלד אין וועלכין ער האט זיך פאר שטעקט דארט · דיא הונדע האבין אים אויף געשפירט · נון וועט ער ווערין אויף דעם הייטין טאג גיריכטעט ׃

„א ליבער פאטער„ האט זיא זיך אפ גירופין זייא וויסין דאש דיזער יונגער מאן איז מיין גיליבטער · ער איז ריין וויא איין איינגעל ׃ ער האט מיך ניט בעטראגין ׃ ער האט מיר די ווארהייט גיזאגט · איין היילינגער באנד בינדעט אונז אויף טויט אונ אויף לעבין · נון זייא וויסין ליבער פאטער · ריכטעסט דו אים הין טייטע איך מיך אויך ׃ שוינע דיך זעלבסט אונ באפלעקע דיך ניט מיט די בלוט פון דיין איינגענעם קינד · דען ער איז איך · אונ איך איז ער ׃ איין לעבין בעלעבט אונז ביידין · איין זילע באזיילט אונז ביידין אין פארשיידענע קערפער · ער איז דער איינציגער וואש איך האב אויש גיקליבין פון מיליאנען אונ נאך אים האב איך שוין ניט פאר וועטען צוא לעבין ׃

קורץ דער פון זיא האט אים דער ציילט די גאנצע גישיכטע פון אירע פלאטאנעשע (אונשולדיגע) ליבע · אונ דעם פאטער וואר דער פון אזוא שלעכט · דאש זיין געהירען (מוח) האט זיך אן גיהייבין צוא דרייען אין הירענשאלע (אונטערין שארבין) דען זיין הערץ האט זיך גיבוזט ראנגלען מיט צוויא פאר קערטע (געגענזעצטע) ליבעס · דאש הייסט מיט דער פעטערליכע ליבע צוא זיינער טאכטער · אונ ווידער מיט דער ליבע צו זיינעם ברויט · דאש הייסט צוא זיינער שטעלע · דען באם ער וועט ניט וועלין

הינריכטען

הינריכטען דיזען אליווערין פר לירט ער זיינעם אמט (דאלזונאסט) :

נאך איינעם לאנגין שטרייטין מיט זיך אליין · איז ביא אים גיבליבין ליבערסט דיא שטעלע צוא פאר לירין אלס מיינעם קינד וויא צוא טאן · איר גיליבטער איז מיין זון · אונ איך בין זיין פאטער · מיינע האנד זאל אים ניט בארירין אלזוא מיין קינד האט ער זיך צוא איר אפ גירופין איך אם מיינער שטעלע שטייא איך ניט · איך ווייס דאש איך ווער זיא דורך דעם פאר לירין · דאך דר מיט אליין העט נאך דיין גיליבטער ניט גיהאלפין זיין · דען אן שטאט כיך ווערט זיך באלד איין פיגדען צעהן אנדערע · דאהער איז מיין ראט דאש דוא זאלשט דיך צום קיניג אליין ווענדען · דער צייל'ע אים ווער דוא ביזט · אונ דער צייל'ע אים גאנץ ג אויף ריכטיג דעם גאנג פון דיינער אונשולדיגין ליבע · אונ בעט אים אום ערבארימען איך וועל עש מיט פריידען טאן האט זיא אים גיענטפערט · אונ איז אוועק צוא דעם קיניג אן גיטאן אין אירע אונגליקליכע ליבע זייער רירענד מיט איין שטראם הייסע טרערין · דער קיניג פיהלטע מענשליך אונ האט לויז גישפראכין דעם אליהויער · נור דער רישעליעו האט איין גידרונגען אין דעם קיניג דש מען זאל זאנזאן אפ זאגין פון זיינעם אמט (דאלזונאסט) עש איז שוין דער צווייטע פאר ברעכער (וויגאוניק) וואש ווארע דורך דיזען סאנאליע בעפרייט פון זיינע פאר דינטע שטראפע נידער מיט דעם זאנזאן · דאש הייסט מען זאל אים אטדאלען :

אונ מען האט אים טאקע אדאלעם פון דיזר סלוזבע · אויף טארגין האבין זיך גימעלדעט אויף זיין שטעלע מעהר אלס דרייסיג קאנדעדאטין · פון פאר שידענע קלאסין · אונטער דעם ווארין אויך איינגע דאקטורים · דאך וואר נאך אים ניט איינער זיין גלייכין ביז דיזען טאג · דיא טאכטער זיינע האט זיך פאר הייראטהעט מיט דיזעם יונגע אדוואקאטען · אונ מיט זייערען פאטער ארויס פון פראנקרייך · האבין זיך בזעצט אין איטאליען אונ האבין דארט אויש גילעבט

גילעבט



גילעבט זייערע יארין זייער פרידליך אונ גליקליך · מיר האבין דיזע גישיכטע זייער אפ גיקירצט · ווייל גרעסערע ווילט איר מיינע לעזערין נים קויפין איר שוינט אייער גראשין · אונ וואש נאך אין דער וועלט קען דאש לעבין פאר זיסען · דיא לאנגווייליגע פאר קירצין וויא שיינע גישיכטין · שמעקין פיל בעסער אלס דיא בעסטע גיטיכטן בילדין אויש דעם ביימט · דען אזו זייען דאש מייכטי נון לעבט וואול צום זיך ווידער זעהען אין איינער אנדערין גישיכטע :

## דער שאך אבאס (קיניג פון פערזיען) אונ זיין מיניסטער .

דער שאך אבאס וואר אין די נייערע צייטין דר בעריהמסטער קיניג פון פערזיען · ער וואר אין אזיען אזו גרויש וויא פעטער רוסישער קייזער אין אראפא · דיזער גרויסער מאנארך האט אמאל אן גיטראפין בייענדיק אויף יאכט איינעם יונגין הירטין זיצענדיק ביא זיינער הערדע (שטאדע) אונ שפילט זייער שיין אויף איינער פלעטע (פיאל) · ער וואר זייער שיין · מיט קרויזע האר אונ שווארצע אויגין · אונ אין זיין געזיכט וואר אזו איין עטוואס וואש ציהעט אן צוא זיך יעדען מענטשין · אונ האט אזו אן גיצויגין צוא זיך אויך דעם אבאס · דאש ער האט שוין ניט גיקענט אוועק גיין פון אים וואו ער זאל ניט עפעס שפרעכין מיט אים · אונ האט אים אזו גיפרעגט ווער ער איז · אונ דיזר האט אים גיענטפערט דאש ער איז איין זון פון איינעם לאנד מאן (בויער) וואש איז שוין לאנג גישטארבין · אונ דינט אזו פון זיינער קינדהייט אן אלס הירט ביא דעם הערין פון דיזעפעלדער · אונ דינט נור פאר ברויט · אונ איז דאך צוא פרידין מיט זיינעם שטאנד ווייל ער ווערט באהאנדילט פון זיינעם הערין ווי פון איינעם פאטער :

דיזע אנטווארט וואר אויש גישפראכין זייער קורץ · קלוג אונ טרעפענד דאש יעדער ווארט זיינער איז ארין זייער טיף דעם קיניג אין הערצין · דאש ער האט זיך שוין ניט גיקענט פון אים שיידין ,יונגער מאן" האט זיך דער קיניג אפ גירופין צוא

אים

אים. „דוא געפעלסט מיר זייער; דוא האסט צו פיל מעהר טאלאנט (השלמה) וויא פיל ניטיג איז צום הירטען שטאנד. עס קען ווערין פון דיר איין פיל ניצליכער מענטש אלס איין הירט. דאהער וויל איך דיך מיט נעמען צוא מיר אין הויף אונ ווער האֶרט פון דיר מאכין וואש בעסערס „גאנץ רעכט“. האט ער אים גיענטפערט. דאך קען עס ניט גישעהען אן דעם ווילין מיינעם הערין. איך מוז האבין זיין ערלויבניס דער צוא. „גוט גייא אונ קום באלד צוריק. זאג אים נור דאש זיין קיניג פאר לאנגט עס. דען איך בין שאך אבאם. אונ ווער מיך גערולדען צוא וואַרטין ביז דוא צוריק קומסט“ אונ אין איינער האלבע שטונדע האט ער זיך אום גיקערט צום קיניג מיט זיינעם הערין וואש האט מיט פריידין ערפילט זיין ווינש. אונ האט אים דער ביא קאווירט פאר זיינע גוטע אונ ערליכע אויף פירונג. דיזער יונגער מאן האט גיהייסין ארמיזודוס ער וואר מיט זייער אגוטין קאפ אונ פון גרויסין האראקטר. אונ האט אזו אין הויף ביא דעם קיניג דער לערינט אין אמשך פון דרייא יאר וואש איין אנדערער וואלט עס דארפין לערנען איאר צעהען. אונ האט זיך דארט גימאכט העכסט באליבט ביא אלע הויף לייטע אונ נאך מעהר ביא דעם קיניג זעלבסט. אונ דאהער אלס דער קיניג האט איין גיזעהען דאש ער איז אמענטש מיט גרויסע פערטיקייטען (שפאסאבנאסטען) האט ער אים גימאכט פאר זיין סאקרעטאר. אין אפאר יאר ארום האט ער אים גימאכט פאר זיין הויף מיניסטער. אונ דר נאך פאר דעם פרעמיעמיניסטער. דאש הייסט פאר דעם מיניסטער איבער דאש גאנצע לאנד אונ דער קיניג וואר צוא פרידין מיט אים פיל מעהר אלס פון דיא מיניסטארין וואש ווארין אין פעריזען פאר אים. אונ איז גיווארין ביא אים אזו אויך זיין פאר טרויסטער פריינד. אונ מיט דער צייט אויך גרויש וויזיר. אונ דיזער מיניסטער האט עס ווירקליך פארדינט. דען ער האט דאש לאנד העכסט גליקליך גימאכט. ער האט פאר קלענערט דיא אפ גאבין. אונ פאר מעהרט דיא





איינקינפטע (הכנסה) אונ יעדער איינוואוינער וואר זיכער מיט זיין בלוט אונ גוט:

דיזע פארדינטע עהרע זיינע אבער האט אויף גיוועקט גרויסין נייד (קנאה) ביא אלע הויף לייטע אונ האבין אן גיהייבין איין צו שווערצין אים (פארלע צו מאכין) ביא דעם קיניג. זייער הויפט דאנאם וואר דאש ער שמעלט בהלות דיא קרוין אונ ער זאמילט פאר זיך צגרויסין פארמעגין. אונ האבין אזו ווייט גיבראכט דאש דער קיניג איז אים מיט זיינע דענונצאנטען (דאנאסציקעם) פלעצליך איבער גיפאלין אונ האבין גימאכט איינע שטארקע רעוויזיאן אין זיין וואונונג. זייא האבין אבער דארט גאר ניט דער וויסט: נאך פיל ווייניגער אלס ביא איינעם גיוואונליכין מענשין. אונ אלס דער קיניג איז גיווארין ביז אויף דיא דענונציאנטען האבין זייא אים אויך געוויזין אויף אקליין צימעריל וואש איז פאר שלאסין מיט איינעם אייזערנעם ריגעל. „דארט ליגט“ האבין זייא גיזאגט „אלץ וואש ער האט אן גיגנבת“ מען האט אבער דארט אויך מער ניט גיפונען וויא זיינע הירטען קליידער אונ זיינע פלעטע. אונ אלס דער קיניג האט אים גיפרעגט „צוא וואש איז דאש“ דא האט אים דער מיניסטער גיענטפערט „דאש האב איך באהאלטין אום צוא האבין אין וואש זיך אן צוא טאן אלס איך ווער פון דער שטעלע אראפ. דען איך האב פאראויס גיזעהען דאש איך וועל ביא מיינע גרוישע שטעלין ניט לאנג אונ פשיטה שוין ניט אייביג פאר בלייבין. אונ האט באלד אן גיטאן דיזע קליידער האט גינומען אין האנט זיין הירטין שטאב אונ זיין פלעטע. האט זיך בעדאנקט ביא דעם קיניג אונ האט גיוואלט אוועק גיין. דעם קיניג האט עס זייער גיקריינקט. אונ האט זיך ביא אים גיבעטין דאש ער זאל ביא אים ווייטער בלייבין. אונ אלס ער האט ניט גיוואלט. האט אים דער קיניג גיבעטין דאש ער זאל ווייניגסטינס וואש פארלאנגען פון אים. דען ער קען אים ניט מיט ניסט אוועק לאזין פון זיך „איך פערלאנג פון דיר“ האט ער

אים גיענטפערט נור איינע היסטע וולאקע ערד (אפוסטאס) „אונ
דאש זאל דיר עס גיגעבין ווערין" האט ער אים גיענטפערט מיט
צייגעם ווייהעמיטיגען לאכין · אונ האט אים דיזעם אבער אויך
ביי זיינם בעסטין ווילין ניט גיגעבין: וויל ער האט אין גאנצין לאנד
קיין פוסטאס גיפונען דען אונטער דעם משך פון זיין פראוולעגע
ווארין אלע וויסטענייען גיווארין באזעצט אונ באוואוגט · דער
קיניג האט גוט פאר שטאנען וויא וויט עס האט גיצילט דער
וואונץ פון זיין מניסטער דאש ער זאל אים געבין איין פוסטאס
אום נור צוא ווייזין אים וויא וויט ער האט דאש לאנד גליקליך
גימאכט · אונ האט וויא איין קינד גיוויינט דער ביא · דער
מניסטער איז גיווארין איין הירט · אונ דער קיניג פלעגט אים
אימער באזוכין ביא דער הערדע אום זיך צוא בעראטהען מיט
אים אין וויכטיגע עניני המדינה :

די מתנהגים פון מעקינעץ · איינע וואהרע געשיכטע.

אלס איך וואר נאך איין יונגער מאן · אונ דאש איך וואר
עס אמאל קען מיר פאר געווים יערע לעווין גלויבין: וואר איך
אן גישטעלט ביא איינעם תבואה הענדלער · ובפרט ביא דעם
וויסען גישעפט · אונ פלעג דאהער מוזין זיין על פי רוב אין
וועג · אונ אום גיפארין וויא איין אתרוגים פאר קויפער פון איין
שטעטיל אין דער אנדערע שטעטיל · דאש רוב אויף פוירשע
פורלאך אונ אפט מיט איינער געלעגנהייט · אין אבריקא וואש
ווארין אין איר גימישט פון פארשיידענע ברואים וויא אמאל אין
נחש תיבה · נון האט מיר אמאל דער צוא פאל צוא זאמען גישארט
מיט נאך איינעם אנדערין אין איינער בריצקע וואש האט לבד
אונז קיין אנדערין פאסאזיער גיהאט · דיזער צווייטער וואר פיל
איינגער פון מיר · קוים אלט ניינצען יאר · אונ האט אויש גיזעהען
וויא פון זיבעצעהן יאר · ער וואר גיקליידעט זייער רייך דען ער
וואר אזון אונ איין איידעם פון גבירים · מיר זיינען צו זאמען
גיפארין



גיפארין דרייא טעג אין וועלכע איך האב גענוג צייט גיהאט צו
קענען דיזען יונגען מענטשין מיט זיינע ביינער · ער איז גיוועזין
איין פארביסענער חסיד אונ דאך גיקענט גוט לערנען · נון מיט
אזו איינעם וואש האט גיהאט דיזע צווייא חסרונות וואלט איך
אולאדנען (פאר טראגין) ער וואר אבער צום אומגליק זייער שטאלץ
ביא זיך · אונ האט מיר באהאנדעלט דיזע גאנצע דרייא טעג
זייער אונהייפליך · ער פלעגט מיר אלע מינוט לאזין פילין וויא
גרויש ער איז · וויא פרום ער איז · אונ דאש ער האט ערלויבט
דעם בעל עגלה מיר ארויף צוא נעמען נור וויל איך האב אים
אויש געוויזין פאר איין חסיד וועט ער זיך האבין מיט וועמען
אונטער צוא האלטין · דער צוא נאך האט ער גישפילט איינע
זייער פרומע ראלע · איך פלעג פאר פאלין צוא ווערין מיט זיין
דאוונען · אשמנה עשרה זיינע האט גידויערט איינע אייביגקייט ·
אונ ביא אלעם דעם האט ער גיהאט אויבין פאר אשיין ווייביל
פאר אשיין מיידיל בודאי אונ אין וועלכע קרעצמע איז עס גיט
דא · קורץ דער פון איך האב שוין גיהאט גינוג אורזאך צוא
זיין מיט אים העכסט אום צוא פרידין · אונ עס איז ביא מיר
גיבליבין דאש איך זאל אים אביסיל אן דרייען פארין נאז (פריצעווען)
אונ נור פאר דעם נאז דען ער האט גיהאט אנאז וואש וואר
זייער גרויש · לאנג אונ גיבויגין וויא איין אדלער שנאבעל ווייט
פון אויש אין גאנצם וועלט אונ אויך וויט איבער די ליפין ·
דאש מען האט אים גיקאנט מיט רעכט זאגין אויף אים דאש ער
איז עס דער אידיל וואש אפאריץ האט צוא אים גיזאגט אלס
ער איז אים אן גיפארין אנטקעגין „זיי וויעלקע נאז דאטאי דראגא"
אונ יענער אפ ביגעדיגין דעם נאז האט גיענטפערט „יעדו פאן" אונ
איינע גילעגנהייט האט זיך ביי באלד וויא גירופין גימאכט דער
צוא · מיר האבין אונז אפ גישטעלט פיטערין אין איינער קרעצמע
מיקינץ · עס וואר איין הייסער זומער טאג אין אלול · מיר האבין
דער וויסט דארט דיא טישין גידעקט מיט טייערע פערוועטין ·
דארויף

דארויף זילבערנע לייכטער באשטעקט מיט ליכט · עס וואר
אבער דארט נימאנד לבד דער יונג פון קרעטשמער וואס האט
אונז שון קלאר גימאכט דאס עס וועט דא זיין אחתונה היינט
דעם ר' חתנס צד זיינען שון דא · נור זייא שלאפן איצונד · אונ
דיא כלהס צד וועט באלד קומען · דער בעל עגלה האט אויס
גישפאנט דיא פערד · האט גימאכט אבריימין שנאפס אונ האט
זיך גילייגט שלאפין · אונ אלס מיין סאפיבניק (מיט רייזענדר) האט
זיך גישטעלט דאוונען · איז אן גיפארין דיא ערסטע בריקע פון
דער כלהס צד · דיא ערסטע וואס זיינען ארויש פון איר וואר די
כלה מיט איר מוטער ביידע זייער שיינע גישטאלטין גבירות
גיקליידעט · איך האב זייא גיגעבין מזל טוב · אונ זייא וואס
האבין גימיינט דאס איך בין פון דעם חתנס צד · פרעגין זייא מיך
וואו איז דער חתן · איך אבער האב זייא נים גיענטפערט נור
געציינט מיט מיינעם פינגער אויף מיין סאפוניק וואס איז גישטאנען
אין אזו אריכטונג דאס זייא האבין גיקענט רעכט אריין קוקין
אינם געזיכט · אונ זיינען ביידע גיבליבין אין אגמאכט ביי זייער
ערסטען בליק אויף אים · באלד דארויף אבער זיינען אריין נאך
מחותנים אונ מחותנסטעם · מען האט זייא מיט גרויש מיהע אפ
געלינגערט · אונ אלס דיא מוטער וואר שון אין שטאנד צוא
ריידין · האט זיא אן גיהייבין צוא שילטין איר מאן וואס ער
האט זיך פארלאזין אויף זיין בעל כח ביי דעם שידוך פון זיין
איינציגע טאכטער אונ האט גיטאן אום גיזעהענערהייט · קורץ
דער פון עס וואר דארט געגוג לארעם איבער לארעם געשרייא
איבער גישרייא · שטייט האט זיא זיך אפ גירופין · אונזערע
נעריהמטע פייגעצקע זאל באקומען אחתן מיט אזו אנאז · א
בעכער זאל זיא זיצין ביי מיר ביז גראע צעפ איידער אוועק
צוא געבין איר צוא אזו אבירדאטע · געשווינט שפאנט די פערד
לאמיר פארן צוריק · אונ דער יונגער מיבצינ איז גישטאנען שמונה
עשרה אין גיהאקטע וואנדין · דען ער האט זייער גוט פארשטאנען





דאס מען מיינט אים , אונ בפרט יעדע מיידכען אונ יעדע פרויא
איז גיקומען אונ האט זיך איין גיקוקט אינם געזיכט אונ האט גיטאן
אשפייא · אונ דאך האט ער מארך גיזעהן אין שמונה עשרה וויא
זיינע גיזואוינהייט וואר · דער מחותן איז גיווארין פינסטער וויא
דיא ערד פון קלעסענעס · אונ האט גישאלטין זיין בעל כח וואס
ער האט אים אזו ווייט בעטראגין · קורץ דער פון עס האט אים
גיוואלט יעדער אויף עסין דאס ער האט גיטאן אונגעזעהען · אונ
עס איז אזוא ווייט ניקומען · דאס מען האט אן גיהייבין צוא
שפאנען דיא פערד צונ איין צוא פאקן זיך · אונ וואלטין געווים
פאר איינאנדער פארין · וואלט זיך נים אויף גיהאפט איינער פון
דעם חתנס צד · וואס האט זייא פון דיזען טעות ארויש גינומען
»נייך מיינע ליבע מחותנים האט ער זייא גיענטפערט« דר חתן איז נים
דיזר לאמעגאז · אונזר חתן איז איין שיינעס קינד · אונ האט אזו
באלד דעם חתן אויף גיוועקט אונ האט אים פאר גישטעלט פאר
זייא · ער וואר ווירקליך שיין · דיא מחותנעסטע האט אים אויש
געקוקט אלע גלידער אונ האט זיך מחיה גיוועזען · נון וואר געזוכט
דער וואס האט דיזע סאמאטאכע אן גימאכט · דאס הייסט איך ·
איך אבער וואס איך האב פאראויס גיוואוסט דאס מען וועט
זיך מיט מיר וועלין אפ רעכענען · איך האב אונזער בעל עגלה
גיגעבין צוא וויסין דאס איך וועל מיר אוועק גיין פאראויס צוא
פוס · אונ וועט מיר אזו אן יאגין · אין אשטונדע ארום אלס איך
בין אריין אין בריקע האב איך דער וויסט מיין סוחר דאס ער
זיצט מיט אראפ געלאזענעם נאז וויא אבאנראקענער העקבט
גיקרייגקט נים ווייסענדיק דאס איך האב אים דיזע ראלע אריין
גישפילט אינם געזיכט · ער וואר שוין דאן שטיל אונ דעמוטהיג
וויא אקליינער אפ געשמיסענער הדר איגנעל · אונ אלס מיר ווארין
שיין נים ווייט פון זיין היים האט ער ערשט אן גיהייבין צוא
ריידין מיט מיר זייער פריינדליך אונ האט מיר גיבעטין רחמים
דאס איך זאל עס קיינעם נים דער ציילין · איך האב ע